# טערקיי האט מורא

## טערקיי שפירט זיך דאס מערסטע באדראעט פון אייסיס




ווען מ׳רעדט פון דעם אייסיס חלום צו שאפן א קאליפאט וואס זאל עווענטועל רעגירן איבער די גאנצע מוסולמענער וועלט, דארף זיך טערקיי שפירן דאס מערסטע באדראעט, ווייל טערקיי איז די גרויסע מוסולמענער מאכט וואס האט א לאנגע גרעניץ פון 750 מייל מיט איראק און סיריע, און די אטאמאן טערקישע אימפעריע האט דאך אמאל באהערשט כמעט דעם גאנצן מיטל מזרח, ווייסן זיי מער פון אנדערע לענדער וואס עס מיינט אויב עמיצער ווערט אזא סופער-מאכט אין יענעם ראיאן, און וואס פארא געפאר אייסיס וועט עווענטועל שאפן פאר טערקיי. עס איז אן איינפאכע סברא אז טערקיי, א מיטגליד אין "נאטא", וואלט געדארפט נעמען א הויפט ראלע אין די "נאטא" קאאליציע וואס איז איצט געשאפן געווארן קעגן אייסיס, אבער טערקיי האט אנשטאט איינגעמאלדן פאר די אליאירטע לענדער אז זי וועט זיך האלטן שטיל, ארבעטענדיג הינטער די קוליסן. זי וועט נישט לאזן אירע סאלדאטן באטייליגן זיך אין קאמפן, און וויל אפילו נישט לאזט "נאטא" נוצן אירע באזעס אדער שטחים אונטערצונעמען פון דארט באמבארדירונגען אויף אייסיס.

"עפעס" ליגט אונטער דעם. די טערקן זענען דאך נישט באקאנט געווען אין די היסטאריע אלס פחדנים, וואס איז דא געשען?

איין פראבלעם איז, אז אייסיס האלט צענדליגער טערקישע משכונות, אריינגערעכנט דיפלאמאטן. נאך א סיבה איז, טערקיי איז באזארגט אז אין קאמף קעגן אייסיס שפילן א הויפט ראלע די העלדישע קורדישע קעמפער, און אזוי ווי די קורדן האבן אלץ גע׳חלומ׳ט פון אן אייגענע מדינה, קורדיסטאן, איז טערקיי באזארגט אז אויב די קורדן וועלן זיך אויסצייכענען אין די איצטיגע קאמפן קעגן אייסיס, וועט עס דערנענטערן דעם טאג ווען עס וועט געשאפן ווערן א קורדיסטאן, וואס דאס וועט פארנעמען שטחים וואס זענען אויך אין די היינטיגע טערקיי.

אין סיריע, האט זיך אנגעהויבן דער קאמף 3 יאר צוריק קעגן פרעזידענט באשאר אסאד, און טערקיי האט זייער געוואלט פטור ווערן פון אסאד. צוליב דעם קוקט אוועק טערקיי ווען די אלע קעמפער קעגן אסאד באהאלטן זיך אויס אויף די טערקישע זייט פון די סיריער גרעניץ. ביז לעצטענס האבן זיי טאקע געלאזט אייסיס פונקציאנירן אין טערקיי, ביי די סיריער גרעניץ, צוליב די זעלבע סיבה, ווייל דער הויפט שונא פאר טערקיי איז געווען אסאד. ערשט גאר לעצטענס מוז טערקיי אדרעסירן דעם פרישן מציאות, אז אייסיס איז געווארן מער געפאר פאר איר, ווי אסאד איז געווען.

די טערקן האבן טאקע געלאזט הערן שארפע פארדאמונגען און גענומען שריט איינצוצוימען אייסיס און האבן אפילו ארויסגעווארפן פון לאנד פארדעכטיגטע אייסיס אנהענגער. "נאטא" שטיצט טאקע עפענטליך טערקיי, אבער שטילערהייט ווילן די "נאטא" לענדער אז טערקיי זאל נעמען מער שריט קעגן אייסיס, וו.צ.ב.ש. שטרענגערע גרעניץ קאנטראלן, אפצושטעלן דעם פלוס פון קעמפער וואס נוצן טערקיי אלס א טראנסיט פלאץ צווישן די מערב לענדער און מיטל מזרח. אויך זאל טערקיי שטרענגער באקעמפן די אויל שמוגלערייען פון סיריע וואס פינאנצירט אייסיס. אמעריקע האט א גרויסע לופט פלאטע באזע אין אינסירליק, וואס "נאטא" וויל נוצן פאר די מיסיעס קעגן אייסיס, אבער טערקיי וויל נישט. אויך וואלט "נאטא" געקענט געניסן פון מער שפיאנאזש קאאפעראציע.

אנאליסטן זאגן אז כאטש טערקיי האט שוין גענומען שריט קעגן די שמוגלערייען, האט זי פשוט נישט די מעגליכקייטן געהעריג צו פאטראלירן די 750 מייל גרעניץ צווישן סיריע און איראק.

די 2 הויפט אמעריקאנער מיניסטארן, סעקרעטערי אוו סטעיט דזשאן קערי און פארטיידיקונג סעקרעטאר טשאק העיגעל, האבן פאריגע וואך באזונדער באזוכט אין טערקיי, קאנפערירנדיג מיט באאמטע אריינגערעכנט מיט׳ן טערקישן פרעזידענט, אבער זיי האבן נישט געקענט ארויסבאקומען קיין שטיצע פארשפרעכונגען פאר מיליטערישע אקציעס. קערי און העיגעל האבן ביידע אויסגעדריקט זייער פארשטאנד פון די דעליקאטע פאזיציע אין וואס טערקיי געפינט זיך איצט. דאס איז בלויז "דיפלאמאטיש גערעדט", ווייל עס איז שווער אראפצושלונגען אז טערקיי האט אויך נישט געוואלט אונטערשרייבן א סטעיטמענט וואס אנדערע מיטל מזרח לענדער האבן יא אונטערגעשריבן קעגן אייסיס מיט א פארשפרעכונג דאס צו באקעמפן.

משכונות איז זייער א דעליקאטע טעמע. אייסיס האט פארכאפט 49 משכונות פון די טערקישע קאנסולאט אין מאסול, און די ווידיאס ווי אזוי אייסיס האקט די קעפ פון אמעריקאנער און בריטישע משכונות, ברענגט זארג ביי די טערקן אז זייערע משכונות זאלן נישט אויסגעשטעלט ווערן צו דעם זעלבן מיאוס׳ן סוף.

אויסערדעם שלאגט זיך שוין טערקיי 30 יאר מיט די קורדן, און דאס האט שוין אפגעקאסט צענדליגער טויזנטער לעבענס (אויף ביידע זייטן). פאר א יאר האבן די קורדישע רעבעלן דערקלערט א פייער אפשטעל און האבן אנגעהויבן ארויסנעמען קעמפער פון טערקיי צו פלאצירן זיי אין באזעס אין צפון איראק, אבער די אנגעצויגענקייט איז לעצטענס געשטיגן ווען די קורדיסטאן פארטיי האט באשולדיגט אז טערקיי האנדעלט נישט גענוג גיך צו פארשטארקן די קורדישע רעכטן.

טערקישע רעגירונג באאמטע זאגן אז זיי זענען צייכענס אז די קורדן פון טערקיי גייען אריבער די גרעניץ ארויסצוהעלפן אינעם קאמף קעגן אייסיס אין איראק און סיריע. טערקיי איז זיכער באזארגט אז מיט די מערב וועלט וואפן וואס די קורדן באקומען, און אדאנק נצחונות וואס זיי וועלן אפהאלטן אויפ׳ן שלאכטפעלד, וועט דאס שטארקער מאכן זייערע פארלאנגען קעגן די טערקישע רעגירונג.

עפעס טוט יא טערקיי. זיי האבן שטילערהייט צונויפגעזאמלט א ליסטע פון איבער 6,000 פארדעכטיגטע אייסיס אנהענגער אויף וועמען זיי האלטן אן אויג. זיכערהייט באאמטע ביי די לופטפעלדער און באס סטאנציעס האבן שוין אויסגעפארשט איבער 500 פארדעכטיגטע אין די פארגאנגענע 4 מאנאטן און 107 פון זיי זענען דעפארטירט געווארן צו זייערע היים לענדער. טערקישע באאמטע זאגן אויך אז זיי באקעמפן די אויל שמוגלערייען, אבער עס איז דערווייל אוממעגליך צו פארזיכערן די גאנצע גרעניץ קעגן די ערפארענע שמוגלער.

א געוועזענער טערקישער דיפלאמאט איז מודה אז זיין לאנד האט נישט גענוג שנעל אנערקענט דעם געפאר פון אייסיס, אוועקקוקענדיג צוליב "סטראטעגישע בלינדקייט". אמאל האט טערקיי גענוצט אלע מיטלען צושטאנדצוברענגען א רעזשים ענדערונג אין סיריע, וואס מיינט אפילו פארקוקן די דזשיהאדיסטן, אבער די פאליסי איז שוין געטוישט געווארן.

איצט פארבלייבט צו זען ווי ווייט טערקיי וועט גרייט זיין אקטיוו צו באקעמפן אייסיס.

